בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ עֵצָה

ווי עס ווערט ערקלערט: אז ווען מען גלייבט אמת'דיג אינעם צדיק, באקומט מען קלארע און ריכטיגע עצות אויף יעדן פרט אין לעבן, וואויל איז דעם וואס האט 'אמונת חכמים' אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

פארגעלערנט דורך

## כבוד קדושת הרב הצדיק מוהרא"ש שליט"א

ליל ששי שמיני תשע"ג

געבויעט און באגרינדעט אויף די ווערטער פון אונזער הייליגער און פארכטיגער רבי, דער באהאלטענע ליכטיגקייט, דער הייליגער הויכער ליכט, אדוננו, מורינו ורבינו

## רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש, א וואונדערליכע ליכט, וואס קיין שום באהעלטעניש איז נישט פארהוילן פון איהם,

## רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און עס איז צוזאמגעפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, כתובים, און מאמרים פון אונזערע הייליגע חכמים פון גמרא און מדרשים און הייליגן זוהר.

עס איז געבערענגט געווארן צום דרוק
דורך חסידי ברסלב - נוא יארק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
347-243-2992

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il

# דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ עֵצָה

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא): דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', קֶען עֶר וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין אוֹיפְן מִיטְל-וֶועג, אַז עֶר זָאל נִישְׁט צִיהֶען נִישְׁט אוֹיף רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט אוֹיף לִינְקְס, נָאר גֵיין אוֹיפְן גְלַייכְן וֶועג, אוּן אַזוֹי מִשְׁפָּטְ'ן יֶעדֶע זַאךְ.

אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט אַ מֶענְטְשׁ עֶקְסְטְרֶעם, אָדֶער אִינְגַאנְצְן רֶעכְטְס אָדֶער אִינְגַאנְצְן לִינְקְס, צוּ גֵיין אִינְמִיטְן אִיז דִי שְׁוֶועְרְסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער אַז מֶען הָאט דִי רִיכְטִיגֶע

breslevcity.co.il

אֶמוּנָה אִין צַדִיקִים, וַוייזְן זֵיי ווי אַזוֹי צוּ גֵיין אִינְמִיטְן; וַוייל נָאר זֵיי וֵוייסְן וָואס אִיז בֶּאֱמֶת רֶעכְטְס און וָואס אִיז בֶּאֱמֶת לִינְקְס, אַמָאל דַאכְט זִיךְ פַאר אַ מֶענְטְש אַז דֶער צַדִיק הֵייסְט אִים גֵיין אוֹיף לִינְקְס און בֶּאֱמֶת אִיז עֶס גָאר רֶעכְטְס, און אַמָאל דַאכְט זִיךְ פַאר אַ מֶענְטְש אַז עֶר גֵייט אוֹיף רֶעכְטְס און בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט עֶר גָאר אוֹיף לִינְקְס.

וָואס הֵייסְט רֶעכְטְס [יְמִין], און וָואס הֵייסְט לִינְקְס [שְׂמָאל]?! "רֶעכְטְס" אִיז 'רוּחְנִיוּת', וָואס דָאס אִיז 'חֶסֶד'; און "לִינְקְס" אִיז 'גַשְׁמִיוּת', וָואס דָאס אִיז 'דִין' (עַיֵין זוֹהַר פַּרְשַׁת מַטוֹת, דַף רנט ע"ב).

דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְש וִויל נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר רֶעדְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאר 'חֶסֶד', אַלֶעס גֵייט אִים גוּט, און מֶען קֶען פוּן אִים גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען, וַוייל עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אִים גֶעבְּן דָאס וֶועט עֶר הָאבְּן, דֶערְפַאר בַּיי 'רוּחְנִיוּת' אִיז אַלֶעס 'חֶסֶד'. אָבֶּער לִינְקְס אִיז, וֶוען מֶען וִויל זַאכְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, און זַיין גְרוֹיס אוֹיף דֶער

breslevcity.co.il

וֶועלְט וְכוּ׳, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וְוִי מֶען וְויל און אַלֶעס גֵייט אִים פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מְמֵילָא וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן פב), אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט אִיבֶּער, און אַפִילוּ דָא אִין אַלֶע גַשְׁמִיּוּת׳דִיגֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט – וָואס דָאס אִיז ׳לִינְקֶס׳, מַאכְט עֶר אוֹיךְ פַאר ׳רֶעכְטְס׳, דָאס הֵייסְט, עֶר וֵוייסְט אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר וְויל נָאר וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וְויל, דֶעמָאלְטְס גֵייט אִים אַלֶעס ׳כְּסֵדֶר׳, אָבֶּער אַז עֶר דְרֵייט אִיבֶּער און אַפִילוּ פוּן רֶעכְטְס מַאכְט עֶר לִינְקֶס דֶעמָאלְטְס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (קֹרַח קע״ו ע״א), אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּגַם פוּן קֹרַח, אַז עֶר הָאט פַארְטוֹישְׁט לִינְקֶס מִיט רֶעכְטְס, און אַפִילוּ רֶעכְטְס הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר לִינְקֶס; און דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן ׳פְּגַם אֱמוּנַת חֲכָמִים׳ – עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַלֵיין אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דָאס נְשִׂיאוּת פַאר זִיךְ, און דִי כְּהוּנָה פַאר זַיין בְּרוּדֶער אַהֲרֹן, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט: מָארְגְן וֶועלְן מִיר זִיךְ

breslevcity.co.il

אִיבֶּערְצַייגְן, צוּ ׳אִיךְ׳ הָאבּ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַהֲרֹן, אָדֶער דֶער ׳בַּאשֶׁעפֶער׳ הָאט אִים אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן; אָבֶּער וְויבַּאלְד קֹרַח הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ אַזוֹי פַארְקְרוּמְט גֶעוָוארְן בִּיז דִי עֶרְד הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט אוּן עֶר מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַיינְגֶעזוּנְקֶען גֶעוָוארְן. דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּהְן פוּן זִיךְ אַלֵיין.

וַוייל דֶער צַדִיק זָאגְט נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, עֶר פַאר זִיךְ אַלֵיין שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: אַז עֶר אִיז דֶער גוּטֶער שְׁלִיחַ צוּ גֵיין אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּנוּ גֶע׳טַעֲנָה׳עט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִים גֶעבֶּעטְן (שְׁמוֹת ד, יג): **שְׁלַח נָא בְּיַד תִּשְׁלָח; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** שִׁיק אַן אַנְדֶערְן נִישְׁט מִיר; אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין[1].

[1] שְׁטֶעל דִיךְ פָאר אַז מֶען זָאל הַיינְט בֶּעטְן אֵיינֶעם, עֶר זָאל וֶוערְן אַ ׳מַנְהִיג׳, וָואלְט עֶר זִיךְ גְלַייךְ גֶעלָאזְט קוֹיפְן אַלֶע רֶבִּי׳שֶׁע בְּגָדִים, אַ טִילֶעפּ וְכוּ׳ אוּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ, בְּשַׁעַת עֶס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער אַחֲרָיוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן

breslevcity.co.il

אוּן פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טַאקֶע אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ ? ! וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי טֶבַע פוּן ׳גוּטְסְקֵייט אוּן רַחְמָנוּת׳ ! אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה ב, ב) : וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאסְטוּךְ אוּן גֶעפַּאשֶׁעט דִי שָׁאף פוּן יִתְרוֹ אִין מִדְבָּר, אִיז אִים אַמָאל אַנְטְלָאפְן אַ צִיגֶעלֶע, אוּן עֶר אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן, בִּיז עֶר הָאט אִים עֶנְדְלִיךְ דֶערְגְרַייכְט, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבֶּן צוּ טְרִינְקֶן, אוּן אִים אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעטְרָאגְן אוֹיפְן

---

חֵלֶק ב, סִימָן מז) : וֶוען אַ עֶרְלִיכֶער אִיד זָאגְט תּוֹרָה הָאט עֶר נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁרֶעק אוּן מוֹרָא, ווִיפִיל דִי שְׁרֶעק וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, וָואס דֶעמָאלְס בַּאפַאלְט יֶעדְן אַ שְׁרֶעק : וֶוער וֵוייסְט וָואס מֶען גֵייט מִיר מִשְׁפָּטְ׳ן צוּם לֶעבְּן אָדֶער צוּם טוֹיט רַחְמָנָא לִצְלָן. וַוייל בְּשַׁעַת מֶען גֵייט זָאגְן תּוֹרָה דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז עֶס וֶוערְט יֶעצְט נִגְזָר אַ דִין, אוּן ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט דָאס מִשְׁפָּטְ׳ן אַזוֹי וֶועט דָאס זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס אַמָאל מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז אוֹיבּ אַ אִיד דַארְף ׳הִתְחַזְּקוּת׳ אוּן מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט ׳מוּסָר - הִתְעוֹרְרוּת׳, הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעהַאקְט דִי קָאפּ, פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַמָאל דַארְף מֶען אֵיינֶעם זָאגְן : דָאס אוּן דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן, אוּן אוֹיבּ אִיךְ זָאג אִים : נֵיין ! עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, דֶערְשְׁרֶעק דִיךְ נִישְׁט ! הָאסְטוּ אִים וַוייטֶער אָפְּגֶעהַאקְט דֶעם קָאפּ ; חַזַ״ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (יוֹמָא פ״ה ע״ב) : אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט : אִיךְ וֶועל זִינְדִיגְן אוּן אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּהְן, אִיז מֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין תְּשׁוּבָה. [נָאר מִיר זִינְדִיגְן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם וַוייל מִיר ווִילְן זִינְדִיגְן, נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף אוּנְז מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְק, מְמֵילָא וָואס זָאל מֶען טוּהְן ? אוּנְז הָאמִיר אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע].

breslevcity.co.il

רִיקְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: בִּיזְט דָאךְ אַוַודַאי מִיד און אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן לוֹיפְן אַזוֹי סַאךְ! הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: אִיךְ זֶעה בִּיזְט אַ גוּטֶער פַּאסְטוּךְ מִיט אַזוֹיפִיל רַחְמָנוּת, דֶערְפַאר מֶעגְסְטוּ זַיין דֶער 'מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל', דֶער גֶעטְרַייעֶר פַּאסְטוּךְ פַאר מַיינֶע טַייעֶרֶע שָׁאף - דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): אַ מַנְהִיג קֶען נָאר זַיין אֵיינֶער וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד. און וִויבַּאלְד משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק גוּטְס, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן אוֹיךְ (סוֹטָה יב ע"א): אֵיינְס פוּן דִי נֶעמֶען פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען 'טוֹבְיָה', וַוייל גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט מֶען שׁוֹין גֶעזֶעהְן אַז עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט 'טוֹב' - פוּל מִיט גוּטְס.

כָאטְשִׁיג עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מִדְרָשׁ (הוּבָא בְּתִפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל קִידוּשִׁין פֶּרֶק ד, יָכִין אוֹת עז; וּבִנְתִיב מִצְוֹתֶיךָ נְתִיב הַתּוֹרָה, שְׁבִיל ב, אוֹת ב): אַמָאל הָאט דֶער מֶלֶךְ פוּן כּוּשׁ גֶעוָואלְט וִויסְן, וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן משֶׁה רַבֵּנוּ? הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט

breslevcity.co.il

אֵיינֶעם וָואס קֶען גוּט נָאךְ מָאלְן, עֶר זָאל אִים אָפְּמָאלְן פּוּנְקְטְלִיךְ דִי צוּרָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן עֶר הָאט אִים טַאקֶע גֶעבְּרֶענְגְט אוּן גֶעוִויזְן דִי בִּילְד, דֶער קֶענִיג הָאט גֶעקֶענְט 'חָכְמַת הַפַּרְצוּף', רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: עֶר הָאט דָאךְ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת פוּן אַ **גַּנָּב, גַּזְלָן, רוֹצֵחַ**! (עַיֵּין בְּכוֹרוֹת ה ע"א; סַנְהֶדְרִין ק"י ע"א), הָאט מֶען אִים נָאכְדֶעם אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אוּן אִיבֶּערְצַייגְט, אַז עֶר הָאט טַאקֶע גֶעהַאט דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, נָאר עֶר הָאט דָאס אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט (עַיֵּין דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם סוֹף פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, בֵּן פּוֹרַת יוֹסֵף פַּרְשַׁת וַיְחִי פֶּן ד, בְּשֵׁם הַבַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ).

אוּן דָאס אִיז טַאקֶע דֶער עִיקָר מַעְלָה אוּן קוּנְץ פוּן אַ צַדִּיק, אַז כָאטְשִׁיג עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, דָאךְ הָאט עֶר דָאס אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב יא, יב): **אָדָם פֶּרֶא יִוָּלֵד** – אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אַ ווִילְדֶער יוּנְג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר אוֹיסְאַרְבֶּעטְן.

## דו הָאסְט אוֹיךְ אַ עֵצָה

און אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָארֶעוֶוען, מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזֶעהְן בַּיי זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי, דֶעם כְּתַב יַד פוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן און גֶעזָאגְט: מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער! מַיין לִיבֶּער גֶעטְרֵייעֶר חַבֵר! אָט דֶער סֵפֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד; וַוייל דוּרְךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אִין 'סֵפֶר הַמִּדּוֹת' הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט זַיינֶע מִדּוֹת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שע"ט). אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן כב; פְּעוּלַת הַצַדִיק סִימָן קב): וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער כַּעְסָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גֶערֶעגְטֶער, בִּיז עֶר הָאט דָאס אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן 'כּוּלוֹ טוֹב' - אִינְגַאנְצְן גוּט, אַז קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט הָאט אִים בִּכְלַל נִישְׁט גֶעבַּאדֶערְט. און אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִדּוֹת הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דָאס

breslevcity.co.il

אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט (עַיֵּין שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָנִים טז–כז; פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק סִימָנִים פח–קה).

און דִי בֶּעסְטֶע 'מִדָּה טוֹבָה' אִיז: 'רַחְמָנוּת', וַוייל אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, און אַז מֶען הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִים אוֹיךְ רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קנ"א ע"ב): **כָּל הַמְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת מְרַחְמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם** – וֶוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן, הָאט מֶען אוֹיף אִים רַחְמָנוּת פון הִימְל. און וֶועגְן דֶעם הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער 'מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל', זֶעהְט מֶען פון דֶעם אַז נָאר צוּלִיבּ אֵיין גוּטֶע טֶבַע וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

## ב.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים יז, יא): **לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל** – דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פון דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם 'צַדִּיק' נִישְׁט אוֹיף רֶעכְטְס אָדֶער לִינְקְס. דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם חֲזַ"ל (סִפְרֵי שׁוֹפְטִים סִימָן קנד): אֲפִילוּ עֶר

breslevcity.co.il

זָאגְט דִיר אוֹיף רֶעכְטְס אַז דָאס אִיז לִינְקְס, אָדֶער אוֹיף לִינְקְס אַז דָאס אִיז רֶעכְטְס, גְלֵייבּ אִים און אִים זָאלְסְטוּ פָאלְגְן.

דָאס הֵייסְט פַאר אוּנְז קֶען זִיךְ אַמָאל דַאכְטְן וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז אִיבֶּער דֶער 'מִדַת הַדִין' אַז דָאס אִיז 'שְׂמָאל', אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז עֶס דִי גְרֶעסְטֶע 'רַחְמָנוּת' פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר ווִיל נָאר דַיין גוּטְס. און דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער צַדִיק אוֹיס, אַז מֶען זָאל זִיךְ מְחַזֵק זַיין אַפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז):

דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת נה ע"א): **אֵין יִסוּרִים בְּלֹא עָוֹן** – יִסוּרִים הֵייסְט נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט עֲבֵירוֹת, אָבֶּער אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט קַיין יִסוּרִים; אַדְרַבָּה עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אִים בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

breslevcity.co.il

אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר רַחְמָנוּת וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל דֶער עִיקָר פוּן יֶעדְן אִיד אִיז דִי 'נְשָׁמָה', וָואס דָאס אִיז אֵיין שְׁטִיק 'רוּחְנִי', דֶער 'גוּף' אִיז נָאר אַזוֹי וִוי אַ קְלֵייד וָואס מֶען טוּט עֶס אוֹיס אוּן מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין 'קֶבֶר', מְמֵילָא פַארְוָואס דַארְף מֶען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק זָארְגְן אוֹיפְן גוּף? פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ טוּט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין מַאנְטְל אוּן עֶר הֶענְגְט דָאס אוֹיף, אוּן עֶר זָארְגְט זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ מִיטְן קָאוֹט[2], דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיטְן גוּף, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי זָארְגְן פַארְן 'גוּף', עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעמֶען זַיינְס, אַז עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר עֶסְן, אַז עֶר אִיז שְׁלֶעפֶערִיג וֶועט עֶר גֵיין שְׁלָאפְן, עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט פַארְדֶעם דִי נְשָׁמָה, אָבֶער פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זָארְגְן פַאר דִי נְשָׁמָה, אִים צוּ גֶעבְּן וָואס עֶר דַארְף: תּוֹרָה, תְּפִלָּה, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי וִוי דֶער

---

[2] עֶס אִיז טַאקֶע דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נֶעבֶּעךְ אַ קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל, אוּן וֶוען עֶר גֵייט אוֹיף אַ חֲתוּנָה, בְּשַׁעַת מֶען גֶעט דָארְט צוּ עֶסְן אַלֶע פַיינֶע עֶסְן, אוּן דִי מוּזִיק שְׁפִּילְט אַזוֹי שֵׁיין, אוּן מֶען טַאנְצְט, טְרַאכְט עֶר אַ גַאנְצֶע צַייט: אוֹי, וָואס טוּט זִיךְ מִיט מַיין קָאוֹט, אִיךְ הָאף אַז מֶען טְרֶעט נִישְׁט אוֹיף מַיין קָאוֹט וְכוּ'.

breslevcity.co.il

הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כג): אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא אַסַאךְ נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען הוּנְגֶערִיג אוּן דָארְשְׁטִיג אוּן נַאקֶעט, אוּן זֵיי וֵויינֶען: זֵיי ווִילְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶן, אוּן עֶפֶּעס אַ קְלֵייד אָנְצוּטוּהְן, בְּרֶענְגְט מֶען זֵיי צוּ עֶסְן אוּן טְרוּנְקֶן אוּן קְלֵיידֶער, זָאגְן זֵיי: נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, מִיר ווִילְן תּוֹרָה אוּן תְּפִילָה, אָבֶּער דָארְט אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט. לָאזְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס מִיט אַן אִינְטֶערְסַאנְטְן לָשׁוֹן: "וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן טְרִינְקְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְווֹת".

דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרָאגְן מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי קֶען עֶר שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת דָא, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת דָארְט[3].

---

[3] קוּמְט אָבֶּער שׁוֹין דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן צוּבְּרֶעכְט אִים: דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט! דַארְף מֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּטוּהְן מַאכְן, אוּן פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי 'בְּגַשְׁמִיּוּת' אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז הוּנְגֶערִיג אוּן עֶר דַארְף עֶפֶּעס עֶסְן, וַוארְט עֶר נִישְׁט ווִילַאנְג עֶס וֶועט קוּמֶען אַ סַארְוֶוער אוּן וֶועט אִים שֵׁיין סֶערְווִירֶען אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען עֶסְן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, נֵיין! עֶר כַאפְּט אַ סֶענְדְווִיטְשׁ אָדֶער וָואס עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶערְן הַאנְט, אַבִּי עֶר קֶען עֶפֶּעס עֶסְן אוּן שְׁטִילְן זַיין הוּנְגֶער, פּוּנְקְט 'בְּרוּחָנִיּוּת' זָאגְט עֶר, אַז עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט נָאר סְתַּם גֶעזָאגְט, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט, אַז אוֹיב ווִיל עֶר וַוארְטְן צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר

breslevcity.co.il

אַזוֹי אוֹיךְ קֶען עֶר שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְכַאפְּן וואו עֶר גֵייט נָאר אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, און אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִצְוֹת הָאבְּן מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם, וַוייל מִיר הָאבְּן אַ מְזוּזָה, צִיצִית, תְּפִלִין. אַזוֹי טְרָאגְט מֶען מִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג עֶסְן און טְרִינְקֶען און קְלֵיידֶער פַאר דִי נְשָׁמָה, וָואס דָאס אִיז תּוֹרָה וּתְפִלָּה און מִצְוֹת.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן רַחְמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, וַוייל אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע און אֵיידֶעלֶע זַאךְ אַז עֶס קֶען בִּכְלַל נִישְׁט זִינְדִיגְן, נָאר דֶער גוּף וָואס אִיז אַ ׳גַשְׁמִי׳ שְׁלֶעפְּט אִים צוּ זִינְדִיגְן, דֶערְפַאר קֶען אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה נִישְׁט פַארְנֶעמֶען קַיין עֲבֵירוֹת, און עֶר הָאט דֶערְפוּן מוֹרָא׳דִיגֶע צַעַר און יִסוּרִים.

וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת אוֹיף אַ בָּחוּר, און עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, דָאס קְלָאגְט יִרְמְיָה הַנָּבִיא (אֵיכָה א, טו): **קָ׳רָא עָ׳לַי מ׳וֹעֵד לִ׳שְׁבֹּר בַּ׳חוּרָי** - בַּיים סַמֶ״ךְ

---

וֶועט הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת, וֶועט עֶר קֶענֶען אַזוֹי וַוארְטְן זִיבֶּעצִיג יָאר בִּיז עֶר וֶועט הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת.

breslevcity.co.il

מֶ״ם אִיז אַ גַאנְצֶער יוֹם טוֹב וֶוען עֶר קֶען צוּבְּרֶעכְן אַ בָּחוּר. אוּן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דֶערְפוּן אִיז: עַמָלֵ״ק אוּן בִּלְעָ״ם; וָואס בִּלְעָם הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט נִיאוּף (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן מג, חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רמ״ד), אוּן עֲמָלֵק הָאט אָפְּגֶעקִילְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט פְּגַם הַבְּרִית (עַיֵּין רַשִׁ״י דְבָרִים כה, יח). אוּן דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע צָרָה.

אָבֶּער אַפִילוּ אַ יוּנְגֶערְמַאן דַארְף מֶען אוֹיךְ רַאטֶעוֶוען, וַוייל מֶען לֶערְנְט לֵיידֶער מִיט יוּנְגֶעלַייט פַאלְשֶׁע לִימוּדִים פוּן חוּמְרוֹת, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַז מֶען קוּמְט צוּ גְרָאבֶּע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת [4].

וֶועגְן דֶעם נָאר דָאס הֵייסְט אַ אֱמֶת׳ער מַנְהִיג, אַז עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אוּן עֶר זָארְגְט

---

[4] לֵיידֶער זֶענֶען פַארְהַאנֶען מַדְרִיכִים פַאר חֲתָנִים אוּן יוּנְגֶעלַייט, וָואס זֶענֶען פָּשׁוּטֶ׳ע מְנֻוָולִים, אוּן טֵיילְן אַיין: וְויפִיל מָאל יָא, אוּן וְויפִיל מָאל נִישְׁט וְכוּ׳. בְּשַׁעַת זֵיי אַלֵיין הַאלְטְן נִיטְאַמָאל דֶערְבַּיי, אוּן אַפִילוּ לָאמִיר זָאגְן עֶר הַאלְט יָא בַּיי דֶעם, טָאר עֶר אָבֶּער נִישְׁט לֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אַזוֹי, וַוייל מִיר הָאבְּן אַ ׳שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳ אוּן וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט – טָאר מֶען גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶס אִיז כָּרֵת רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, אָבֶּער וֶוען מֶען מֶעג – מֶעג מֶען, אָן צוּלֵייגְן קַיין שׁוּם חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת אוּן דָאס גְלַייכְן, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט נָאכְדֶעם אַרוֹיס אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן יוּנְגֶעלַייט קוּמֶען נֶעבֶּעךְ צוּ בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת.

breslevcity.co.il

זִיךְ אַז זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיף יוּנְגֶעלַייט פְּרָאבִּירְט עֶר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת עֶס זָאל זַיין 'שָׁלוֹם בַּיִת' אוּן אַ 'קֵירוּב לְבָבוֹת' אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, וַוייל דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה: וֶוען אַ פָּארְפָאלְק לֶעבְּט צוּזַאמֶען מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אַלֶעס פִירְט זִיךְ בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה. אוּן דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית א, כח) מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, כְּדֵי מֶען זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא.

אוּן אַז דֶער יְסוֹד אִיז שְׁטַארְק אִיז דֶער גַאנְצֶער בִּנְיָן שְׁטַארְק, אָבֶּער אַז דֶער יְסוֹד אִיז קַאלְיֶע אִיז שׁוֹין אַלֶעס קַאלְיֶע, דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט רַחְמָנָא לִצְלָן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם, אוּן נָאכְדֶעם מִישְׁט מֶען שׁוֹין אַרַיין דִי עֶלְטֶערְן, בִּיז אֵיינֶער אַנְטְלוֹיפְט, דֶעמָאלְטְס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, בְּשַׁעַת מֶען וָואלְט דָאס אַלֶעס גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן אוּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ קְרִיגְן, אוֹיבּ עֶר וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַנְדֶערֶע הַנְהָגוֹת, רִיכְטִיגֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל

breslevcity.co.il

גֶעזָאגְט: אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז שַׁיָיךְ צְוִוישְׁן 'עֶר' אוּן 'זִי' ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין, וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט מַאכְן נָאכְאַמָאל אַזַאלֶעכֶע בֶּענְדֶער 'לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת' נָאר פַאר דֶעם אַלֵיין [אַנְדֶערֶע זָאגְן 8 מָאל אַזוֹיפִיל].

אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען הָאט דֶעם רִיכְטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת, קֶען מֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה אוֹיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט בַּיי דֶעם אוֹיךְ.

## ג.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא): כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין אוּן שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע לִימוּדִים ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, סַיי פַאר זִיךְ אוּן סַיי פַאר אַנְדֶערֶע, מוּז מֶען הָאבְּן 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', אָבֶּער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים וֶוערְט עֶר גֶע'מִשְׁפָּט מִיט קָאכֶעדִיגֶע צוֹאָה (עֵירוּבִין כ"א ע"ב), אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף, אַז נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אִין זַיין קָאפּ דָא הֵייסֶע צוֹאָה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ לַאכְט עֶר אָפּ

רַחְמָנָא לִצְלָן פוּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס אִיז מְחַזֵק יֶעדְן אִיד, אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד וָואס קוּקְט אַרַיין דֶערִין, אִיז אַוַודַאי אַז זַיין קָאפּ אִיז אִים אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט פוּן דִי פַארְשְׁטִינְקֶענֶע רוּיעֶךְ וָואס גֵייט אִים אַרוּיף אִין קָאפּ (עַיֵין שָׁם בִּפְנִים סִימָן סא).

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אַ חֲבוּרָה וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפְן: דִי חַבַּ״ד׳סְקֶער טִישׁ. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ[5], אוּן וִויבַּאלְד אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג מֵפִיץ גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה: אֵייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין ׳יָפִיצוּ מַעַיְינוֹתֶיךָ חוּצָה׳. אִיז מֶען אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פַארְפְלֵייצְן סְפָרִים, הָאט אֵיינֶער פַארְפְלֵייצְט בַּיי זֵיי ׳לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן׳.

---

[5] צְווִישְׁן זֵיי אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי בָּרוּךְ אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳חוֹזֵר׳], וָואס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר ׳בְּאִבֵּי הַנַּחַל׳ אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אוֹיךְ רֶבִּי מֶענְדְל לִיטְוַואק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ טִיפֶער ׳מַשְׂכִּיל׳ [לוֹיט זֵייעֶר אוֹיסְדְרוּק].

breslevcity.co.il

ווִי בַּאוואוּסְט זֶענֶען זֵייעֶרֶע סְפָרִים זֵייעֶר טִיף אִין קַבָּלָה, דֶערְפַּאר אַז מֶען הָאט יֶעצְט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אוּן אֵיינֶער הָאט דָאס פּוּנְקְט אוֹיפְגֶעמַאכְט בַּיים צְוֵוייטְן חֵלֶק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן מ״ח), וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: וְדַע, ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז פַּארְהַאן אַ בּוֹים וָואס וַואקְסְן אוֹיף דֶעם בְּלֶעטְלֶעךְ, וָואס יֶעדֶער בְּלֶעטְל דוֹיעֶרְט צוּ וַואקְסְן הוּנְדֶערְט יָאר! אוּן דָאס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין דִי גֶערְטְנֶער פוּן דִי שָׂרִים, אוּן זֵיי רוּפְן דָאס ״דִי הוּנְדֶערְט יֶערִיגֶער״, אוּן נָאךְ הוּנְדֶערְט יָאר, גֶעט עֶס אַרוֹיס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע גֶערוּדֶער אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען שִׁיסְט אַרוֹיס אַ קוֹיל. אוּן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט, נֶעמְט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי [אַ לֵץ] צוּ לַאכְן: אַזַא אִינְטֶערְסַאנְטְן סֵפֶר הָאסְטוּ דָא גֶעבְּרֶענְגְט!

עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דָארְט אוֹיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, רוּפְן זֵיי זִיךְ אָן: גְלַייךְ וֶוען דוּ מַאכְסְט אוֹיף אַ סֵפֶר מַאכְסְטוּ שׁוֹין לֵיצָנוּת? לָאמִיר זֶעהְן וָואס שְׁטֵייט פַּארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם. אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה פוּן אָנְהוֹיב, וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ

breslevcity.co.il

גֵייט אַרַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם און עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז דֶער סֵדֶר אַז מֶען ווַייזְט אִים קוֹדֶם 'הִתְרַחֲקוּת', און עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פון הִימְל, און מֶען דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, ווַייל עֶר זֶעהְט אַז עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁוֶוערֶער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ', דַארְף עֶר אָבֶּער ווִיסְן אַז דִי אַלֶע זַאכְן אִיז בְּלוֹיז רַחְמָנוּת און הִתְקַרְבוּת, און עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן פון דֶעם און זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, און אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף דֶעם הָאבְּן גְרוֹיס הִתְחַזְקוּת; דָאס הָאט זֵיי מוֹרָא'דִיג אִיבֶּערְגֶענוּמֶען.

ווַייל ווִי בַּאקַאנְט אִיז בַּיי זֵיי דָא מוֹרָא'דִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, און מֶען לֶערְנְט טִיפֶע דְרוּשִׁים אִין חֲסִידוּת און קַבָּלָה, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דָאךְ הִתְחַזְקוּת ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, טְרָאץ זַיינֶע בִּיטֶערֶע שְׁוֶועריקַייטְן מִיט פַּרְנָסָה און דָאס גְלַייכְן, ווָאס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיג הִתְחַזְקוּת, דֶערְפַאר הָאט זֵיי דִי ווֶערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּפְרֶעגְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען

breslevcity.co.il

אָנְגֶעקוּמֶען קַיין 'אוּמַאן', אוּן יֶעדְן 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה' פְלֶעגְן זֵיי קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפְן "דִי חַבַּד'סְקֶער טִישׁ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שכ"ד): דוּ בִּיסְט אַ 'חַד בְּדָרָא' [אֵיינְצִיגֶער אִינֶעם דוֹר] מִיט זָאגְן אַזַאלֶעכֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט (עַיֵּין בְּהַשְׁמָטוֹת סוֹף חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, מַהֲדוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ): רֶבִּי! עֶס אִיז דָאךְ דָא דֶער 'רַב'? [דֶער הֵיילִיגֶער "בַּעַל הַתַּנְיָא" זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט זָאגְן טִיפֶע דְרוּשִׁים אִין חֲסִידוּת זִיבְּן אַכְט שָׁעָה אוֹיף אֵיינְמָאל], הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: אָבֶער ווִי הָאט עֶר דַיינֶע הַקְדָמוֹת.

ווִי בַּאוואוּסְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער **בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל** גֶעוֶועזְן זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים מוֹרָא'דִיג מַפְלִיג גֶעוֶועזְן אוּן עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן 'שַׂר הָאֶלֶף' (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָנִים תתצב תתצג), אָבֶער דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז אַז עֶר אִיז

breslevcity.co.il

אַ גוּטֶער מְלַמֵד, דָאס הֵייסְט, אַז דֶער תַּלְמִיד זָאל אוֹיךְ קֶענֶען.

וַוייל וָואס הֵייסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵד? אַז עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער מִיט אַזַא חָכְמָה, אַז אַלֶע קִינְדֶער קֶענֶען גוּט וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי, כָאטְשִׁיג אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט זִיךְ צוּ קוּקְן פוּן דֶער זַייט, אוּן עֶר וֶועט זֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵד לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵיי, צוּם בַּיישְׁפִּיל בַּיי דִי קְלֶענֶערֶע כִּתּוֹת, אַז עֶר זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זֵיי מִיט שְׁפִּילְצֵייגְן [לֶעגָאוֹ"ס], אוּן אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זֵיי אוֹיס דִי 'אַלֶף בֵּית', אוּן אַוַודַאי בַּיי אַ מְלַמֵד פוּן דִי גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער, אַז עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵיי, וֶועט מֶען זָאגְן אַז דֶער מְלַמֵד אִיז נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם, פַארְקֶערְט מֶען קוּקְט אִים אָן וִוי אַ גְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה, אָבֶער אִין פַּאקְט וֶועט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן אַז דָאס קִינְד קֶען נָאכְדֶעם גוּט וָואס עֶר דַארְף קֶענֶען, אוּן וֶוען דֶער א־ב יוּנְגֶל קוּמְט אַהֵיים שְׁרַייט עֶר מִיט שִׂמְחָה: מַאמִי! אִיךְ קֶען שׁוֹין מַאכְן אַ אַלֶף; אוּן עֶר אִיז מַסְבִּיר אַז אַ 'א' וַוייזְט, אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין אַיינְגֶעבּוֹיגְן אוּן

breslevcity.co.il

נִישְׁט זִיךְ הַאלְטְן שְׁטָאלְץ, און אַז מִיט אֵיין הַאנְט נֶעמְט עֶר פון בַּאשֶׁעפֶער, און מִיט דִי אַנְדֶערֶע הַאנְט גֶעט עֶר שׁוֹין וַוייטֶער פַאר אַנְדֶערֶע. אַ 'בֵּית' אִיז פַארְמַאכְט פון אַלֶע דְרַיי זַייטְן נָאר אִין פְרָאנְט אִיז דָאס אָפֶען (ב) וָואס דָאס וַוייזְט אַז אַ אִיד קוּקְט נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס! מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק וָואס אִיז גֶעוֶוען, און אַזוֹי אוֹיךְ קְרִיכְט מֶען נִישְׁט צוּ קוּקְן וָואס עֶס אִיז אוֹיבְן און אוּנְטְן – וָואס אִיז הֶעכֶער מִיר און אוּנְטֶער מִיר, נָאר וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט צוּ טוּהְן. 'גִימְל' זֶעהְט אוֹיס וִוי אֵיינֶער שְׁפְּרֵייט אוֹיס דִי פוּס צוּ לוֹיפְן, און וואו לוֹיפְט עֶר? צוּם 'דַלֶת' צוּם אָרִימַאן וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ דַלוּת, און דֶער ד' שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט פוּן אוּנְטְן וַוייל עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ נֶעמֶען צְדָקָה (עַיֵין שַׁבָּת ק"ד ע"א).

קוּמְט אוֹיס אַז כָאטְשִׁיג עֶר זִיצְט טַאקֶע מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף דֶער עֶרְד און דָאס גְלַייכְן, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים קֶענֶען זֵיי גוּט, און אַזוֹי מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען שׁוֹין דַאוֶוענֶען, און לֶערְנֶען שׁוֹין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, אַז זֵיי קֶענֶען דָאס גוּט, אִיז אַ סִימָן

breslevcity.co.il

אַז דֶער מְלַמֵד הָאט אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג גֶעקֶענְט אָפְּמָאלְן דָאס לֶערְנֶען, אוּן עֶס אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אוֹיף אַזַא פְּרַאקְטִישְׁן גְרִינְגְן וֶועג, בִּיז דָאס קִינְד הָאט עֶס גוּט אוֹיפְגֶעכַאפְּט אוּן עֶר קֶען דָאס, דָאס הֵייסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵד[6].

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַ מֶענְטְשׁ 'רוּחָנִיוּת אֱלֹקוּת' עֶר זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִינֶעם

---

[6] אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ מַגִיד שִׁיעוּר, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ חָכְמָה צוּ צוּבְּרֶעכְן בָּחוּרִים, בַּיי אִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בָּחוּרִים פוּן דְרַייצְן פֶערְצְן יָאר, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג פְרֶעגְן דִי בָּחוּרִים שְׁוֶוערֶע קַשְׁיוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א אַלֵיין הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין תֵּירוּץ אוֹיף דִי קַשְׁיָא אוּן גֶעשְׁרִיבְּן 'וְצָרִיךְ עִיוּן', אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז יוּנְגֶע קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן קוֹים וָואס דִי גְמָרָא תּוֹסְפוֹת זָאגְט, אוּן אַז דוּ פְרֶעגְסְט אִים נָאךְ אַ קַשְׁיָא פוּן מַהַרְשָׁ"א ווִי עֶר בְּלַייבְּט מִיט דִי קַשְׁיָא, ווִי אַזוֹי זָאל עֶר דָאס ווִיסְן?! אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר מְבַזֶה גֶעוֶועְן ווִי אַ סוֹטָה דֶעם בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן. [אוּן וֶוער הָאט דֶען גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן אוֹיבּ דֶער מַהַרְשָׁ"א אַלֵיינְס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן?!] פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי בָּחוּרִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט, מֶען הָאט קוֹים גֶעוַוארְט עֶס זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי יָאר כְּדֵי מֶען זָאל שׁוֹין פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אִים גֶעטְרָאפְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל [עֶר אִיז גֶעוֶועְן אַ חָשׁוּבֶ'ער רָב], הָאט עֶר מִיךְ גֶעפְרֶעגְט, אוֹיף אַן אַנְדֶערְן מַגִיד שִׁיעוּר, פַארְוָואס בַּיי אִים זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים גֶעבְּלִיבְּן נָאנְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים נָאךְ לִיבּ, אוּן בַּיי מִיר נִישְׁט? אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט בַּיי מִיר, קֶען אִיךְ אִים דֶען זָאגְן דֶעם אֱמֶת אִין פָּנִים אַרַיין: אַז עֶר הָאט צוּבְּרָאכְן אַלֶע בָּחוּרִים, פַארְוָואס זָאל מֶען אִים לִיבּ הָאבְּן?! וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ צוּבְּרֶעכְן אַ תַּלְמִיד.

breslevcity.co.il

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגְן גוּטְן מְלַמֵד וָואס זָאל קֶענֶען גוּט אַרוּמְשְׁפִּילְן מִיט אוּנְז, אוּן קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַזַאלֶעכֶע פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן וִוי מִיר זֶענֶען, אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז, בִּיז מֶען קֶען שׁוֹין רֶעדְן צוּ אִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ל).

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט מַלְבִּיש גֶעוֶוען דֶעם גַאנְצְן זֹהַר מִיט דִי תִּיקוּנִים, אוּן דִי כִּתְבֵי הָאֲרִ״י אוֹיף אַזַא גְרִינְגְן שְׁפְּרַאךְ, אַז אַפִּילוּ אַזַאלְכֶע נִידֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן וִוי מִיר זֶענֶען, זָאלְן שׁוֹין אוֹיךְ הָאבְּן אַ הַשָּׂגָה אִין ׳אֱלֹקוּת׳, אוּן אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, בִּיז מֶען קֶען שׁוֹין אַפִּילוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָנִים שסב-שסה).

אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רסו, וְעַיֵּין בְּהַשְׁמָטוֹת): אַלֶע גוּטְס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיפְטוּהְן אִין דִי וֶועלְט, קֶען אִיךְ אוֹיךְ שׁוֹין יֶעצְט

breslevcity.co.il

טוּהְן, נָאר דֶער חִילוּק פוּן מִיר בִּיז מָשִׁיחַ, אַז מָשִׁיחַ וֶועט מֶען מוּזְן פָאלְגְן, אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה, אָבֶער יֶעצְט אִיז נָאךְ יָא דָא אַ בְּחִירָה, אוֹיבּ מֶען ווִיל פָאלְגְט מֶען מִיר, אוּן אוֹיבּ מֶען ווִיל נִישְׁט פָאלְגְט מֶען מִיר נִישְׁט.

## ד.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא):

עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע סְפָרִים אוּן עֶס וֶועט נָאךְ אַרוֹיסְקוּמֶען אָן אַ שִׁיעוּר סְפָרִים, אוּן אַלֶעס פֶעלְט אוֹיס פַאר דִי וֶועלְט, אוּן מֶען טָאר חָלִילָה נִישְׁט אָפְּלַאכְן פוּן קַיין שׁוּם סֵפֶר, אָבֶער ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים, הָאבְּן דִי סְפָרִים בַּיי אִים נִישְׁט קַיין וֶוערְד, אָבֶער וֶוען עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף 'אֱמוּנַת צַדִּיקִים' וֶוערְן דִי סְפָרִים צוּרִיק חָשׁוּב אִין זַיינֶע אוֹיגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן** שְׁמוּעֶסְט דָאס אוֹיס (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קִדּוּשִׁין הֲלָכָה ג, אוֹת כא): מֶען זֶעהְט אַז עֶס אִיז דָא סְפָרִים פוּן פְּשַׁט, רֶמֶז, דְרוּשׁ, סוֹד; אוּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ צִיהְט

breslevcity.co.il

עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי פִּיר וֶועגְן[7], אוּן יֶעדֶע מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט וָואס עֶס צִיהְט אִים. דָאךְ זֶעהְט מֶען אַז מֶענְטְשְׁן לַאכְן אָפּ פוּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים, "דָאס אַז עֶס קוּמְט אַרוֹיס יֶעדְן טָאג טוֹיזֶענְטֶער שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן אַפִילוּ סְתָּם צַייטוּנְגֶען אָן אַ שִׁיעוּר, פוּן דֶעם לַאכְט נִישְׁט קֵיינֶער, אָבֶער אַז אֵיינֶער גֶעט אַרוֹיס אַ סֵפֶר'ל פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קוּקְט מֶען שׁוֹין מִיט אַ קְרִים אוֹיג, הַיִתָּכֵן אַזַאנְס צוּ טוּהְן"... אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בַּיי אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע סְפָרִים, אַז אִין דִי הַקְדָמָה פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ דֶער בַּעַל מְחַבֵּר, פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר,

---

[7] אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן פַאר אַ 'לִיטְוַואק' אַ חַסִידִי'שְׁן טַייטְשׁ, וֶועט עֶר זָאגְן: דוּ דְרֵייסְט דָאךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיס דֶעם פְּשַׁט פוּן פָּסוּק, נָאר אַז דוּ זָאגְסְט אִים אַ שְׁטִיקְל 'מֶשֶׁךְ חָכְמָה' [חִבְּרוֹ הַ'גָאוֹן' רֶבִּי מֵאִיר שִׂמְחָה מִדְוִוינְסְק זצוק"ל] וֶועט עֶר מוֹרָא'דִיג בַּאווּאוּנְדֶערְן דֶעם 'סְבָרָא', אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט דָאס זָאגְן פַאר אַ חַסִידִי'שְׁן אִיד, וֶועט עֶר זָאגְן: אַ גֶעשֶׁעפְּט הָאבּ אִיךְ צוּ עֶס אִיז יָא אַזוֹי 'פְּשַׁט' צוּ נִישְׁט. וַוייל עֶס אִיז אִים גָארְנִישְׁט מְחַזֵק, אָבֶער אַז דוּ זָאגְסְט אִים נָאךְ אַ שְׁטִיקְל 'נוֹעַם אֶלִימֶלֶךְ' אָדֶער פוּן אַן אַנְדֶערֶע חַסִידִי'שֶׁע סֵפֶר וֶוערְט עֶר זֵייעֶר פַארְפְלַאמְט אוּן עֶס נֶעמְט אִים אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער, אָבֶער אַ 'סְפַרְדִי' פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אִין קַיין מֶשֶׁךְ חָכְמָה, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין חֲסִידוּת, נָאר אַז דוּ זָאגְסְט אִים עֶפֶּעס אַ גִימַטְרִיָא אָדֶער אַ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּן אַ רֶמֶז וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אָבֶער אַ אַנְדֶערֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, וָואס אִיז שׁוֹין דֶען אַז דָאס בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל? נָאכְדֶעם אִיז דָא אַזַאלֶעכֶע וָואס הָאבְּן דַוְקָא לִיבּ עֶפֶּעס אַ טִיפְן 'סוֹד'. זֶעהְט מֶען אַז יֶעדְן מֶענְטְשׁ צִיהְט אַנְדֶערֶע סָארְט סְפָרִים.

breslevcity.co.il

און מֶען זָאל אִים נִישְׁט חוֹשֵׁד זַיין אַז עֶר הָאט דָאס גֶעטוּהְן פַאר זַיין כָּבוֹד וְכוּ׳ וְכוּ׳, בְּשַׁעַת עֶר דַארְף זִיךְ וֶועגְן בִּכְלַל נִישְׁט פַארְעֶנְטְפֶערְן, און אַז אֵיינֶער ווִיל דָאס נִישְׁט לֶערְנֶען, זָאל עֶר דָאס גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אַרָאפְּלֵייגְן פוּן זַיין הַאנְט, אֵיינֶער צְווִינְגְט אִים דֶען דָאס צוּ לֶערְנֶען? אָבֶער פַארְוָואס דַארְף עֶר מַאכְן לֵיצָנוּת?! נָאר מִיט דֶעם אִיז עֶר מְגַלֶּה וֶוער עֶר אִיז, און אַז זַיין קָאפּ אִיז אִים אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁמִירְט ווִי אַ בֵּית הַכִּסֵּא.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סא):
עֶס אִיז דָא מַנְהִיגִים וָואס זֵיי טְרָאגְן דֶעם טִיטְל רֶבִּי, דָאךְ אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶער לִימוּד אוֹיךְ פוּן דִי ׳מוּתְרוֹת׳ און אָפְּפַאל רַחְמָנָא לִצְּלָן וָואס זֵיי הָאבְּן אִין קָאפּ, און עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט ׳פִירְן׳ און אַוַודַאי נִישְׁט אַנְדֶערֶע, מִמֵּילָא וֶועט עֶר דִיר נָאר ׳פַארְפִירְן׳. וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער עִיקָר צוּ הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס, אָבֶער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

breslevcity.co.il

## דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ עֵצָה

אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ זֵייעֶר הִיטְן, וַוייל אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים גְלֵייבְּט עֶר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ נִישְׁט. אַזוֹי וִוי דֶער מְכִילְתָּא (בְּשַׁלַּח סִימָן ו׳) פְּרֶעגְט, אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, לא): וַיַּאֲמִינוּ בַּה׳ וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ. אוֹיבּ הָאבְּן דִי אִידְן גֶעגְלֵייבְּט אִין משֶׁה, אִיז דָאךְ אַוַודַאי אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס דַארְף דָאס דֶער פָּסוּק אַרוֹיסְזָאגְן? נָאר זָאגְט דִי מְכִילְתָּא: דִי תּוֹרָה ווִיל אוּנְז לָאזְן לֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ מֶען גְלֵייבְּט אִין משֶׁה, אִיז אַזוֹי וִוי מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין; וַוייל דֶער צַדִיק אִיז דֶער וָואס אִיז מְגַלֶה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נָאר דוּרְךְ אִים וֵוייסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שִׁמְעוֹן סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער זוּהְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן

breslevcity.co.il

עָלֵינוּ[8]: דוּ וֵוייסְט פַארְוָואס דַיין טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר אִיז אַזוֹי גְרוֹיס? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַדְלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים פַארְקֶערְט אוֹיךְ: צוּ הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן וִוי רֶבִּי נָתָן אַדְלֶער דַארְף מֶען זַיין אַ חֲתַם סוֹפֵר.

דֶערְפַאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְּן אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין מִתְנַגְדִים אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן[9], דַארְף מֶען זִיךְ מִיט דֶעם מוֹרָא׳דִיג מְחַיֶה זַיין: אִיךְ וָואלְט נָאךְ גֶעקֶענְט - מִיט אַלֶע מַיינֶע גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן מַיינֶע יְרִידוֹת וואוּ אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעפַאלְן - מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן

[8] וִוי בַּאוואוּסְט הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְשַׁאפְט צְוִוישְׁן זֵיי אוּן דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַז עֶר זָאל קֶענֶען וֶוערְן רָב אִין קְרָאקָא וְכוּ׳.

[9] וַוייל אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען אָנְרוּפְן תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דַארְף מֶען גוּט קֶענֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן פָאלְגְן יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶּער לְכָל הַפָּחוֹת קַיין מִתְנַגְדִים זֶענֶען מִיר נִישְׁט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס דָאס אַלֵיין אִיז שׁוֹין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אִין ׳עָלִים לִתְרוּפָה׳ אִיז דָא אַסַאךְ בְּרִיוְון וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּהְן: דַאנְקֶען גָאט אַז אִיךְ קְרִיג נִישְׁט אוֹיף דֶעם רֶבִּי׳ן; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְחַיֶה זַיין מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נָאר מִיט דֶעם.

breslevcity.co.il

דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוֹיךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ מַאךְ נִשְׁט קַיין לֵיצָנוּת פוּן דִי סְפָרִים, נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט דָאס אִיז מַיין חַיוּת אוּן הִתְחַזְקוּת.

ה.

מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּגַם פוּן ׳נָדָב וַאֲבִיהוּא׳, וָואס חַזַ״ל רֶעכֶענֶען אוֹיס (וַיִקְרָא רַבָּה כ, ו; וְעַיֵין רַשִׁ״י וַיִקְרָא כד, ב) פַארְשִׁידֶענֶע פֶּעלֶערְס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהְן אַז צוּלִיבּ דֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטָארְבְּן, רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְּגַם אִין ׳אֱמוּנַת חֲכָמִים׳, זֵיי הָאבְּן גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אַן הַלָכָה אִין דִי גֶעגְנְוַואְרט פוּן זֵייעֶר רֶבִּי׳ן מֹשֶׁה; רֶבִּי יִשְׁמָעֵאל זָאגְט: זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרִינְקֶען; נָאךְ אַ טַעַם: וַוייל זֵיי הָאבְּן נִשְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט; אוֹיךְ וַוייל זֵיי הָאבְּן נִשְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער (עַיֵין זוֹהַר אַחֲרֵי דַף נז).

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דֶעם פְּגַם פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים: אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָא, פַארְוָואס זָאלְט עֶטְץ אוֹיפְשְׁפְּרִינְגֶען אוּן אַלֵיינְס פַּסְקֶ׳עֶנֶען?! אוּן פוּן דֶעם

breslevcity.co.il

אִיז נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען, וַוייל דִי מִינוּט וָואס מֶען גֵייט אַוֶועק פוּנֶעם צַדִיק, אוּן מֶען מֵיינְט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַלֵיין, וֶוערְט מֶען גְלַייךְ דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צוּבְּרָאכְן, מְמֵילָא נֶעמְט מֶען זִיךְ טְרִינְקֶען וַויין, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי לא, ו) **תְּנוּ שֵׁכָר לְאוֹבֵד, וְיַיִן לְמָרֵי נָפֶשׁ** – אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ טְרִינְקְט וַויין אוּן בִּיר.

נָאךְ אַ פְּגַם הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט הֶעכֶער וִוי זֵייעֶר הַשָּׂגָה (וַיִקְרָא רַבָּה כ, י), אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט לֶעבְּן מִיטְן מְצִיאוּת, אוּן דָאס הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן; וַוייל דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ וִויל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, וַוייל עֶר טְרַאכְט, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הָאבְּן אַן עוֹל אוֹיפְן קָאפּ: צָאלְן דִירָה גֶעלְט, זָארְגְן אוֹיף עֶסְן, בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, קִינְדֶער וָואס זָאלְן טַאנְצְן אוֹיפְן קָאפּ, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ מוּזְן אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי? נָאכְדֶעם אַפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין יָא מַסְכִּים חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן וִויל מֶען נִישְׁט שׁוֹין הָאבְּן קַיין קִינְדֶער.

breslevcity.co.il

# דו הָאסְט אוֹיךְ אַ עֵצָה

אָבֶער דִי שְׁלֵימוּת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל יָא דוּרְכְגֵיין דִי אַלֶע זַאכְן, און לֶעבְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט אַ וַוייבּ און מִיט קִינְדֶער, און מִיט דֶעם אַלֶעם זָאל מֶען זִיךְ קֶענֶען פּוּן דָארְט אוֹיפְהֵייבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְחַזֵק און מְעוֹדֵד און מְשַׂמֵחַ, אַז אַפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דָאךְ זָאל עֶר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן, און דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל און דִי גַאנְצֶע זַאךְ פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "הִתְחַזְקוּת". וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, און מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן יֶענֶעמְס נִסָיוֹן, וַוייל יֶעדֶער לוֹיט זַיינֶע כּוֹחוֹת הָאט עֶר אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מַצָב, אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין 'פַּרְנָסָה', אָדֶער 'שָׁלוֹם בַּיִת', אָדֶער 'קִינְדֶער', אָדֶער 'נַחַת פוּן קִינְדֶער', יֶעדְן מֶענְטְשׁ פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג.

breslevcity.co.il

אָבֶּער אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק שַׁיינְט עֶר אַרַיין אִין אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן טְרָאץ אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, און נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס אִידִישְׁקֵייט, נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דוּרְכְן צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען אַזַא מִין חַיוֹת און הִתְחַזְקוּת, אַז מֶען קוּמְט דַאוְונֶען מִיט מִנְיָן שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, און מֶען אִיז שׁוֹין מוֹרָא׳דִיג פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס מֶען הָאט שְׁטֶענְדִיג, וַוייל נָאר דִי מִצְווֹת וֶועט מִיטְגֵיין מִיטְן מֶענְטְשׁ אוֹיף אֵייבִּיג, און אַז אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ מִצְוָה, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיין הַארְץ, און אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א), וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד.

און אַזוֹי גֶעט דֶער צַדִיק אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ הִתְחַזְקוּת: פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, און יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל דֶערְפוּן, און אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן: אִיךְ מוּז דוּרְךְ לֶערְנֶען שַׁ״ס! דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען עֶס בַּאוַוייזְן; בִּפְרַט אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט

breslevcity.co.il

אַ 'דֶרֶךְ הַלִּימּוּד' אַז אַפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען לֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), דַארְף מֶען נָאר נֶעמֶען דִי גְּמָרָא אוּן זָאגְן, קוּקְט אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ דָאס אָן וִוי אַ לֵיצָנוּת: פָּשׁוּט זָאגְן, עֶס הֵייסְט דָאךְ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט! בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ע"ד), וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (קְדוֹשִׁים דַף פה ע"ב): עֶס אִיז פַארְהַאנֶען מֶענְטְשְׁן וָואס פְּלָאגְן זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, אוּן זֵיי קֶענֶען נִיטְאַמָאל זָאגְן דִי עִבְרֵי גֶעהֶערִיג, דָאךְ אָבֶּער אִין הִימְל מַאכְט מֶען דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶער עֵסֶק, אוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט גֵייט אַרוֹיף, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ דֶערְמִיט, אוּן עֶר פְּלַאנְצְט דָאס אַיין לֶעבְּן טַייךְ, אוּן עֶס וַואקְסְט דֶערְפוּן רִיזִיגֶע בֵּיימֶער וָואס זֵיי הֵייסְן עַרְבֵי נַחַל. אוֹיךְ דִי גְמָרָא זָאגְט עֶס (עֲבוֹדָה זָרָה, י"ט ע"א): **לְעוֹלָם לִיגְרוֹס אִינָשׁ וְהָדַר לִסְבּוֹר וְאַף עַל גַּב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר** – שְׁטֶענְדִיג זָאל אַ מֶענְטְשׁ קוֹדֶם אָפְּלֶערְנֶען, כָאטְשׁ עֶר פַארְשְׁטֵייט אַפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט

breslevcity.co.il

עֶר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אוּן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דִי פְּשַׁט פוּן אַלֶעם.

נָאר דִי סִבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט דָאס נִישְׁט אִיז, וַוייל עֶר הָאט עַצְלוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קפט): מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן צוּבְּרָאכֶענְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, וַוייל דֶער עִיקָר מִיט וָואס דֶער שְׁלַאנְג [יֵצֶר הָרַע] כַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בַּייסְט אִים, אִיז מִיט עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת; אוּן דָאס גֵייט צוּזַאמֶען, וַוייל וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ פוֹיל, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען אִיז פוֹיל קוּמְט מֶען צוּ גָארְנִישְׁט אָן, אַזוֹי וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט אַ וֶוערְטְל: אַז מֶען אִיז פוֹיל, הָאט מֶען נִישְׁט אִין מוֹיל.

מִיר זָאגְן דְרֵיי מָאל אַ טָאג 'אַשְׁרֵי' (תְּהִלִּים קמ"ה), אוּן חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד' ע"ב): וֶוער עֶס זָאגְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי קַאפִּיטְל 'תְּהִלָּה לְדָוִד' אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר אִיז אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, וַוייל דִי פְּסוּקִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיט דִי אַלֶף בֵּית, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא דָארְט דִי פָּסוּק (שָׁם, טז):

breslevcity.co.il

**פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ, וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן**[10]. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען זָאגְט דֶעם פָּסוּק פוּן ׳פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ׳ ? ! אוֹיךְ וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן : **וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן** – דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעטִיגְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט ׳רָצוֹן׳, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין : וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי ׳מָזוֹן׳, וַוייל עֶסְן דַארְף אִיךְ הָאבְּן פַאר מִיר אוּן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, וואוּ קוּמְט דָא אַרַיין רָצוֹן ? !

נָאר זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִין לֶעבְּן "רָצוֹן", אוּן אַז מֶען הָאט אַ רָצוֹן אוּן מֶען ׳וִויל׳, הָאט מֶען שׁוֹין פַּרְנָסָה, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין זַאךְ אִין דִי וֶועלְט וָואס מֶען קֶען

[10] דִי סְפַרְדִים וֶוען זֵיי זָאגְן דֶעם פָּסוּק ׳פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ׳, שְׁפְּרֵייטְן זֵיי אוֹיס דִי הַאנְט, וִוי אֵיינֶער זָאגְט : **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם !** אַז דוּ מַאכְסְט שׁוֹין אוֹיף דַיין הַאנְט, גֶעבּ מִיר אוֹיךְ אַרַיין אִין דִי הַאנְט. וַוייל זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֶמוּנָה פְּשׁוּטָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן צא) : דִי אֶמוּנָה פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶס זָאל זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייטְן אִין אַלֶע אֵיבָרִים נִישְׁט נָאר אִין זַיין הַארְץ זָאל עֶר גְלֵייבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט, אַז וֶוען מֶען וַואשְׁט זִיךְ **נְטִילַת יָדַיִם** אוּן מֶען זָאגְט : **שְׂאוּ יְדֵיכֶם קוֹדֶשׁ**, זָאל מֶען אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף אַקֶעגְן דִי קָאפּ, כְּדֵי מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן דִי קְדוּשָּׁה אִין דִי הַאנְט. פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען – פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס – אַז דֶער עִיקָר וֶוענְדְט זִיךְ וִויפִיל מֶען גְלֵייבְּט אִין דֶעם, אוּן אַז דִי אֶמוּנָה דַארְף זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייטְן אוֹיךְ אִין דִי הַאנְט.

breslevcity.co.il

נִישְׁט בַּאקְרִיגְן אוֹיבּ ווִיל מֶען אֱמֶתְ׳דִיג! אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם ׳בַּעַל בִּטָחוֹן׳, אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען וָואסְפַּארַא אַרְבֶּעט מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן נִישְׁט גֶעזָאגְט: עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט! אָדֶער, וָואס וֶועט יֶענֶער זָאגְן! אֵיינְמָאל הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקֶערְט אַ שְׁטַאל, אֵיינְמָאל הָאט עֶר פַּארָאכְטְן אַ פֶּענְסְטֶער, אֵיינְמָאל אַ טִיר, וָואס מֶען הָאט אִים פָארְגֶעשְׁלָאגְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעלֶעבְּט רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בְּרוּחָנִיוּת, קוֹדֶם הֵייבּ אָן, וְוִיל אֵיינְמָאל דוּרְךְ לֶערְנֶען תַּנַ״ךְ! צוּ זֶעהְן וְוִי אַזוֹי תַּנַ״ךְ זֶעהְט אוֹיס, וְוִיל קוֹדֶם אֵיינְמָאל עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה! אֵיינְמָאל דוּרְכְגֵיין גְמָרָא: בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא! אַפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, אוּן אַפִילוּ אַז דִי עִבְרֵי אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן [בִּפְרַט יְרוּשַׁלְמִי[11]], אוּן אַז מֶען הָאט אַ רָצוֹן אוּן מֶען עֶנְדִיגְט: מִקְרָא, מִשְׁנָה, בַּבְלִי

[11] בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא אַזַאלֶעכֶע שֵׁיינֶע פֵּירוּשִׁים אוֹיף יְרוּשַׁלְמִי אוֹיךְ, אַז מֶען קֶען עֶס גְרִינְג פַארְשְׁטֵיין.

breslevcity.co.il

יְרוּשַׁלְמִי תּוֹסֶפְתָּא, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, בַּאקוּמְט מֶען שׁוֹין אַ חֵשֶׁק דָאס נָאכְאַמָאל דוּרְכְצוּגֵיין, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט דָאס צְוֵויי דְרֵיי מָאל אִיבֶּערְצַייגְט מֶען זִיךְ, אַז מֶען הָאט נִישְׁט אַזַא שְׁוֶועֶרֶע קָאפּ וִוי מֶען הָאט אַלֵיין גֶעמֵיינְט - אוּן וִוי מֶען הָאט אִים אַיינְגֶערֶעדְט, דִי הִתְחַזְקוּת לֵייגְט אִין אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיין, מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן.

ו.

בַּיי חֲסִידִים וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח "שְׁלִיסְל שַׁבָּת", אוּן וֶוען מֶען בַּאקְט חַלּוֹת לֵייגְט מֶען אַרוֹיף דֶערוֹיף אַזוֹי וִוי אַ שְׁלִיסְל פוּן דִי טֵייג, אוּן דֶער פָּשׁוּטֶ'ער טַעַם אִיז, וַוייל וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט דִי אִידְן זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער וַוארְטְן קַיין אֵיין מִינוּט, נָאר גְלַייךְ גֶעדַארְפְט לוֹיפְן, מִמֵילָא אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַייט דִי טֵייג זָאל וֶוערְן חָמֵץ, אוּן מֶען הָאט נָאר גֶעגֶעסְן מַצָּה, וֶועגְן דֶעם טָאר מֶען פֶּסַח נִישְׁט עֶסְן קַיין חָמֵץ, אָבֶּער אֵיינְמָאל אַז עֶס אִיז דוּרְךְ פֶּסַח מֶעג מֶען שׁוֹין עֶסְן חָמֵץ, דָאךְ אָבֶּער אִינְמִיטְן

breslevcity.co.il

וָואךְ אִיז מֶען נִישְׁט מְחוּיָב צוּ עֶסְן, נָאר שַׁבָּת טָאר נִישְׁט פַאסְטְן און מֶען אִיז מְחִיוּב צוּ עֶסְן, און מֶען דַארְף הָאבְּן חַלָּה פַאר 'לֶחֶם מִשְׁנָה', דֶערְפַאר אִיז אִין דֶעם שַׁבָּת דֶער עִיקָר 'שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה' בִּיז קוּמֶענְדִיגְן יָאר פֶּסַח, וֶועגְן דֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם שַׁבָּת אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אִינְמִיטְן וָואךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן שַׁבָּת (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, דַף פ"ח ע"א).

ז.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז הַיינְט דִי יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ[12], און וִוי בַּאוואוּסְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ 'חַד בְּדָרָא' אִין 'צְדָקָה', זַיין אֵיינִיקְל הרה"ק רֶבִּי שְׁלֹמֹה בָּאבּוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ[13], הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: דֶער זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ און אַ גָאוֹן נִישְׁט נָאר אִין תּוֹרָה [וִוי בַּאקַאנְט], נָאר דֶער עִיקָר גְאוֹנוּת פוּן אִים אִיז

[12] יוֹם פְּטִירָתוֹ כ"ה נִיסָן ה'תרל"ו.

[13] זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן וַוייל זַיין טַאטֶע רֶבִּי מֵאִיר נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַוֶועק יוּנְגֶערְהֵייט [ט"ו מְנַחֵם אָב ה'תרט"ו].

breslevcity.co.il

גֶעוֶוען אִין צְדָקָה. וַוייל עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג טֵיילְן מוֹרָא׳דִיג אַסַאךְ צְדָקָה, עֶר הָאט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם גֶערִיסְן גֶעלְט, אֲפִילוּ פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער הָאט עֶר אַוֶועקְגֶענוּמֶען זֵייעֶר קְלֵיידֶער פַאר צְדָקָה. מֶען הָאט אַמָאל גֶעקוֹיפְט נַייעֶ שִׁיךְ פַאר זַיין זוּהְן דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר צוּגֶענוּמֶען דִי שִׁיךְ אוּן דָאס אַוֶועק גֶעגֶעבְן פַאר אָרִימֶע קִינְדֶער. אַמָאל הָאבְּן דִי חֲסִידִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אִים גֶעטְרָאפְן וואוּ עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, פְרֶעגְן זֵיי אִים: יְחֶזְקֵאלֶ׳ע! וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר, דוּ בִּיסְט קְרַאנְק?! זָאגְט עֶר: נֵיין, נָאר דִי טַאטֶע הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען דִי הֶעמְד מִיט דִי הוֹיזְן אוּן דִי שִׁיךְ! אוּן מִיר גֶעזָאגְט: יְחֶזְקֵאלֶ׳ע! דוּ וֶועסְט הָאבְּן צוּם סוֹף וָואס דוּ דַארְפְסְט, אָבֶּער דֶער אָרִימֶער יָתוֹם אָדֶער יְתוֹמָה, וֶועט נִישְׁט הָאבְּן[14].

---

[14] דֶערְפַאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר פֶּסַח אוּן מֶען הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר דִי קִינְדֶער נַייעֶ שִׁיךְ הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעמוּזְט עֶרְגֶעץ בַּאהַאלְטְן פוּן זֵייעֶר טַאטְן.

breslevcity.co.il

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַּאר יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר חַג הַסּוּכּוֹת, סוֹף פֶּרֶק ג): עֶרֶב סוּכּוֹת דַארְף מֶען גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן עֶר אַלֵיין פְּלֶעגְט אוֹיפְמַאכְן זַיין בַּייטְל, אוּן יֶעדְן אָרִימַאן וָואס אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט: נֶעם אַרוֹיס וִויפִיל דוּ ווילְסְט. הָאט עֶר אַוַודַאי אוֹיסְגֶעטֵיילְט אוֹיסְטֶערְלִישׁ אַסַאךְ צְדָקָה, אֵיינְמָאל עֶרֶב יוֹם טוֹב נָאכְמִיטָאג הָאט עֶר גֶעזֶעהְן וִוי דִי אֶתְרוֹגִים סוֹחֲרִים גֵייעֶן שׁוֹין אַהֵיים מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט, נָאכְן עֶנְדִיגְן פַּארְקוֹיפְן דִי אֶתְרוֹגִים, זֶעהְט זַיין אֵיינִיקְל דֶער עֶרְשְׁטֶער בָּאבּוּבֶּער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי אַזוֹי זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב רוּפְּט זֵיי אַלֶע אַרַיין, אִיז עֶר גֶעוֶוען נֵייגֶערִיג וָואס קֶען עֶר וֶועלְן פוּן זֵיי יֶעצְט, וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד דַאוֶוענֶען? זֶעהְט עֶר וִוי אַזוֹי עֶר נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם עֶקְסְטֶער, אוּן אִיז אִים מַסְבִּיר אוּן בֶּעהְט אִים: אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעמַאכְט גֶעלְט פוּן פַארְקוֹיפְן דִי אֶתְרוֹגִים, אוּן פוּן יֶעצְט בִּיז נָאךְ יוֹם טוֹב וֶועט אִיר שׁוֹין נִישְׁט נוּצְן דִי גֶעלְט, וֶועגְן דֶעם בָּארְגְט מִיר אוֹיס דָאס גֶעלְט, אוּן נָאךְ יוֹם טוֹב דֶערְמַאנְט מִיר, אוּן אִיךְ

breslevcity.co.il

וֶועל אַייךְ אַלֶעס אָפְּגֶעבְּן. און זֵיי הָאבְּן אִים אַוַודַאי גֶעבָּארְגְט, און עֶר הָאט גְלַייךְ גֶערוּפְן דֶעם גַבַּאי צְדָקָה, און אִים גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע לִיסְט וֶועם עֶר זָאל אַרִיבֶּער רוּפְן, פְּרֶעגְט אִים דֶער אֵיינִיקְל: זֵיידֶע! הָאסְט דָאךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעטֵיילְט צְדָקָה פַאר דִי אַלֶע אָרִימֶעלַייט, פַארְוָואס גֶעסְטוּ יֶעצְט נָאכְאַמָאל, און דוּ וֶוערְסְט יֶעצְט אַ פְּרִישֶׁער בַּעַל חוֹב פוּן טוֹיזֶענְטֶער דָאלַארְן?! זָאגְט עֶר אִים: מַיין טַייעֶרֶער אֵיינִיקְל, אִיךְ וֶועל דִיר מַסְבִּיר זַיין: אֱמֶת טַאקֶע, דִי הוֹצָאוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב הָאבְּן זֵיי שׁוֹין, אָבֶּער קַיין 'עוֹנֶג' יוֹם טוֹב הָאבְּן זֵיי נִישְׁט, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב צוּבְּרָאכְן און בַּאזָארְגְט, וִוי אַזוֹי זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אוֹיף אַ גַאנְץ ווִינְטֶער? מְמֵילָא יֶעצְט גֶעבּ אִיךְ זֵיי, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיפְן ווִינְטֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן זַיין רוּאִיג און הָאבְּן אַ "עוֹנֶג יוֹם טוֹב".

אַזוֹי אוֹיךְ פַארְצֵיילְט מֶען, אַז אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פְלֶעגְט זַיין אַז דֶער גַבַּאי פְלֶעגְט קוֹדֶם שְׁרַייבְּן דִי הַמְלָצָה בְּרִיוְון פַאר אָרִימֶעלַייט, און דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב פְלֶעגְט דָאס אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן, אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד, וָואס

דֶער גַבַּאי הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט עֶר אִים אַלְץ אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן קַיין הַמְלָצָה, אִיז דֶער אִיד גֶעגַאנְגֶען גְלַייךְ צוּם צַאנְזֶער רָב, אוּן אִים פַארְצֵיילְט, אַז דֶער גַבַּאי וִויל אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הַמְלָצָה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיפְן גַבַּאי, אוּן עֶר רוּפְט אִים שְׁנֶעל אַרַיין, אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: פַארְוָואס ווילְסְטוּ אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הַמְלָצָה? זָאגְט עֶר: אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס וָואס צוּ רֶעדְן אַלֵיין צוּם רֶבִּי'ן. שִׁיקְט דֶער צַאנְזֶער רָב אַרוֹיס דֶעם אִיד, אוּן דֶער גַבַּאי הֵייבְט אָן מַסְבִּיר זַיין פַארְן רֶבִּי'ן: עֶס אִיז אַ בִּזָיוֹן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַרוּם גֵיין מִיט אַייעֶר הַמְלָצָה, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ'. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: אוֹיב אַזוֹי מוּז אִיךְ אִים יָא גֶעבְּן אַן הַמְלָצָה.

דֶער גַבַּאי הָאט נָאךְ פְּרָאבִּירְט צוּ טַעֲנָה'ן מִיטְן רֶבִּי'ן וֶועגְן דֶעם, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אוּן זָאגְט אִים: דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז דִי חִילוּק צְוִוישְׁן מִיר מִיט דִיר?! אִיךְ גֶעב טוֹיזֶענְט הַמְלָצוֹת אַזוֹי אַז אֶפְשָׁר פוּן דִי

אַלֶע טוּיזֶענְט וֶועט זַיין אֵיינֶער אַ אֱמֶתְ׳ער אָרִימַאן, און אִיךְ וִויל טַאקֶע זוֹכֶה זַיין אִים צוּ הֶעלְפְן, אָבֶער דוּ גֶעבְּסְט נִישְׁט פַאר טוּיזֶענְט, מְמֵילָא בִּיזְטוּ נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם אֵיינֶעם אֱמֶתְ׳ן אָרִימַאן אויךְ נִישְׁט.

פַאר דֶעם גְרוֹיסְן בַּאוואוּסְטְן גָאוֹן הָרַב חַיִים קְרֵייזְוִוירְט זַצַ״ל דֶער רָב פוּן אַנְטְוֶוערְפְּן, הָאט אַ דָאקְטֶער בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז עֶר הָאט יֶענֶע מַעֲשֶׂה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן [רֶבִּי יַעֲקֹב יִשְׂרָאֵל קַנְיֶיבְסְקִי], זֵכֶר צַדִיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, און זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵוינְט דָאס הַארְץ, הָאט אִים דֶער סְטֵייפְּלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ: מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג צוּפְרִי [בַּיי דִי בְּרֵייתָא נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה]: אֵלוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶם וְכוּ׳, וּבִיקוּר חוֹלִים, וְהַכְנָסַת כַּלָה, וּלְוָיַת הַמֵת. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: וִוי קוּמְט אַריין צְוִוישְׁן ׳בִּיקוּר חוֹלִים׳ און ׳לְוָיַת הַמֵת׳, דִי מִצְוָה פוּן ׳הַכְנָסַת כַּלָה׳, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: הַכְנָסַת אוֹרְחִים און הַכְנָסַת כַּלָה, און נָאכְדֶעם בִּיקוּר חוֹלִים וְהַלְוָיַת הַמֵת?! נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה

breslevcity.co.il

פוּן ׳הַכְנָסַת כַּלָּה׳, דֶעמָאלְטְס אַפִילוּ אוֹיב עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָואֹרְן אוֹיף אִים אַז עֶר מוּז אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, טוּט דִי מִצְוָה בַּאשִׁיצְן אוֹיף אִים, אוּן דָאס מַאכְט אַ צְוִוישְׁן שֵׁייד צְוִוישְׁן בִּיקוּר חוֹלִים אוּן הַלְוָיַת הַמֵּת.

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהְן, עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶועזְן אַסַאךְ אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה [עֶר פְלֶעגְט אַלְץ גֶעבְּן מַתָּן בְּסֵתֶר], אוּן עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט נָאךְ צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן דָאס אִיז מֶען גֶעוָואר גֶעוָוארְן נָאךְ זַיין פְּטִירָה.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כב, כב) **אַל תִּגְזָל דָּל, כִּי דַל הוּא** – דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גַזְלֶ׳ן פוּן אַן אָרִימַאן, כָאטְשִׁיג עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַקֶעגְן שְׁטֶעלְן אַקֶעגְן דִיר. פְרֶעגְט דִי וֶועלְט: וָואס קֶען מֶען דֶען צוּנֶעמֶען פוּן אַ אָרִימַאן? ! נָאר אַז מֶען זָאגְט: ׳עֶר׳ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אָרִים! אִים דַארְף מֶען נִישְׁט הֶעלְפְן! אָדֶער מֶען זָאגְט: דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אִים שׁוֹין הֶעלְפְן! מִיט דֶעם גַזְלֶ׳ט מֶען דֶעם אָרִימַאן. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן וואוּ אוּן

breslevcity.co.il

**וֶוען צוּ גֶעבְּן צְדָקָה[15], דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט גֶעמַאכְט דֶערוֹיף אַסַאךְ תְּפִלּוֹת** (לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק א תְּפִלָּה כה; עז; קנב; חֵלֶק ב, ד) **וואוּ עֶר בֶּעהְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אַז אִיךְ גֶעבּ שׁוֹין יָא צְדָקָה זָאל אִיךְ וִויסְן וואוּ דָאס צוּ גֶעבְּן, אַז עֶס זָאל גֵיין נָאר אוֹיף גוּטֶע פְּלֶעצֶער.**

**ח.**

**אַזוֹי וִוי עֶס קוּמְט יֶעצְט אַ לַאנְגְן זוּמֶער, דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף 'שְׁמִירַת עֵינַיִם', מֶען זָאל הָאבְּן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אוֹיגְן, אוּן דֶער עִיקָר וֶוענְדְט זִיךְ דָאס אִין דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ[16], אוֹיבּ וִויל עֶר זַיין הֵיילִיג אוּן הָאבְּן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אוֹיגְן, וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ פוּן וָואס אַ**

---

[15] דֶערְפַאר אַז עֶס אִיז מִיר יֶעצְט אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען אַזַא גְרוֹיסֶע צְדָקָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶער זְכוּת צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דֶעם.

[16] אָבֶּער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נִישְׁט אִין דִי אַלֶע פַּאטֶענְטְן וָואס מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ טוּהְן: זִיךְ אַרוּמְבִּינְדְן מִיט אַ שַׁאל, שְׁוַוארְץ מַאכְן דִי בְּרִילְן, אַרָאפּ נֶעמֶען דִי בְּרִילְן. נָאר אִין דִי רָצוֹן, אוֹיבּ וִויל עֶר נִישְׁט קוּקֶען וֶועט עֶר נִישְׁט זֶעהְן. פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מִכְלוֹמֶר'שְׁט אַקֶעגְן בִּילְדֶער, אוּן עֶר בַּאדֶעקְט זִיךְ הַאלְבּ מִיט דִי הֶענְט, נָאכְדֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט עֶר זִיךְ פוּן דֶער זַייט, צוּ דֶער בִּילְד אִיז גֶעלוּנְגֶען, וַוייל אֵיינֶער וָואס וִויל בֶּאֱמֶת נִישְׁט קַיין בִּילְד מַאכְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּ דִי אוֹיגְן.

breslevcity.co.il

מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אוּן וואוּ זַיין קָאפּ אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא): וואוּ דֶער מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. אוּן אַז זַיין מֹחַ טְרַאכְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף עֶר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיפְן גַאס אַלֵיין אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז אִים דָאס דִי גְרֶעסְטֶע שְׁמִירָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטְן זוּמֶער, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אַקֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

breslevcity.co.il